ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# שבט מוסר

## פרשת וישלח

אידיש

**508**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ח לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# פרק שמיני

## • וישלח •

❁

אין דעם פרק וועט ערקלערט ווערן, פיל זאַכן וואָס אַ מענטש זאָל געבן צו זיין האַרץ, זיך צו שטאַרקן אויף דעם יצר הרע.

❁

דער ספר האָט במשך פון זיינע הונדערטער יאָרן עקזיסטענץ מדריך און מחנך געווען טויזנטער אידישע קינדער אויפן ערלעכן אידישן וועג.

דער הייליגער גאון וצדיק ר"ר הלל קאלאמייער זצ"ל האָט עדות געזאָגט אַז דער "שבט מוסר" האָט אים געמאַכט פאַר אַ מענטש, און אַזוי האָבן גרויסע צדיקים וקדושים אָנגעזאָגט זייערע קינדער צו לערנען שטענדיג אין דעם ספר, ווייל דאָס האָט זיי געברענגט צו דעם וואָס זיי זענען צוגעקומען.

בס"ד

# אינהאלט
## פון אַכטער פרק


א. פיל משלים – וואָס אַ מענטש זאָל געבן צו זיין האַרץ, זיך צו שטאַרקן אויף דעם יצר הרע............ג

ב. כדי אָוועקצושיקן דעם יצר הרע פון זיך, זאָל ער רעדן מיט זיינע גלידער, און ער זאָל מוכיח זיין זיינע אָדערן, און משפטין זיינע ביינער, און אַזוי זאָל ער זאָגן, און ווי עס שטייט ווייטער................ה

ג. דער רשע שטאַרקט זיך מיט זיין שלעכטס ווען ער זעט אַז ער ווערט נישט באַשטראָפט פאַר זיינע זינד, און אדרבא, די תלמידי חכמים וואָס האָבן מורא פון דעם אויבערשטן, זענען אין אַן ענגע לאַגע, און נישט ער...................................י

ד. דער טויער פאַר דעם רשע, וואָס זאָל אים ברענגען צו תשובה ..........................................יא

ה. אַ התעוררות צו תשובה, אַז אויב ער וועט נישט תשובה טוהן, אויף וועמען וועט ער זיך פאַרלאָזן ווען ער גייט אַוועק פון דער וועלט.........................יב

ו. ער רעכנט אויס אַ סאַך זאַכן וואָס אַ מענטש וויל, אָדער גלוסט, צו דערפילן די תאוות פון זיין יצר הרע, און ער זאָל טוהן פאַרקערט, אַזוי ווי עס איז דער ווילן פון דעם אויבערשטן ...........................יג

# פרק שמיני

## פיל משלים – וואָס אַ מענטש זאָל געבן צו זיין האַרץ, זיך צו שטאַרקן אויף דעם יצר הרע

**א. ה' אלוהים,** השם יתברך מיט זיין איינציגן נאָמען האָט באַשאַפן הימל און ערד, דעם ים, מיט אַלץ וואָס איז אין זיי. ער האָט באַשאַפן דעם מענטש פון ערד און האָט אים געגעבן אַ נשמה, כדי ער זאָל פאַרשטיין און זיך קלוגן און זיך מיען צו דינען זיין באַשעפער, און זוכן אופנים וויאַזוי צו אַנטלויפן פון יצר הרע און דינען זיין באַשעפער, אַז זיין וועג זאָל לייכטן, אַז ער וועט גיין צום עולם הבא, מקבל זיין זיין שכר, ווען ער האָט זיך באַמיט אין תורה און מצוות. און צו קומען אויף עולם הבא מיט פרידן, און זיצן אויף זיין אָרט, מיט כבוד און גדולה, אין אַ הויכער מעלה, מיט פרייד און לויבן. און צו זען די שכינה, ווי די גרויסע צדיקים.

**ולזכות,** און כדי ער זאָל זוכה זיין צו דעם אַלעמען, זאָל ער זיך פאָרשטעלן דעם דאָזיגן משל, וועט ער פאַרשטיין, ווי נאַריש עס איז צו הערן דעם יצר הרע. און ער וועט וויסן ווי השם יתברך פאַרלענגערט זיין צאָרן און וואַרט אים אויס זייער פיל, און שטראָפט אים נישט פאַר זיינע עבירות.

**משל,** דאָס איז געגליכן צו אַ מענטש וואָס האָט געפלאַנצט אַ וויינגאָרטן, און ער האָט אים אַרומגעצוימט און האָט אים גערייניגט פון שטיינער און האָט אין אים געפלאַנצט גוטע צווייגן און האָט געמאַכט אין אים אַ קעלטער, דעם ווין אין אים אַריינצונעמען, און האָט געהאָפט עס זאָלן וואַקסן וויינטרויבן, און עס זענען דאָרטן געוואַקסן שלעכטע טרויבן.

**וכראותו,** ווי ער האָט געזען, אַז ער האָט זיך אומזיסט געמיט, האָט ער גענומען אַ האַק און האָט פאַרניכטעט דעם וויינגאָרטן,

ער האָט אין אים נישט איבערגעלאָזט קיין וואָרצל און קיין צווייג און האָט צובראָכן זיין צוים, און אים געמאַכט וויסט.

**וכל זה,** און דאָס אַלץ האָט ער געטוהן ווייל זיין רצון איז נישט דערפילט געוואָרן. דאָס זאָל דער מענטש איבערטראַכטן און זאָל אָנשרייען זיין יצר הרע: מה דאָך אַ מענטש וואָס פלאַנצט איין ווייגאָרטן און ווייל ער האָט זיך אומזיסט מטריח געווען צערנט ער דערויף צו פאַרדאַרבן אים, כאָטש דער ווייגאָרטן האָט דאָך נישט קיין שכל און קיין ווילן.

**קל וחומר,** מכל שכן השם יתברך, וואָס ער האָט זיך מטריח געווען מיט דעם מענטש, צו ברענגען אים אויף דער וועלט און אים שפייזן און מפרנס זיין און מציל זיין אים פון אַלדאָס בייז כדי ער זאָל לערנען תורה און טאָן מצוות, און האָט געהאָפט עס זאָלן וואַקסן גוטע וויינטרויבן, תורה און מעשים טובים, און ער האָט געמאַכט שלעכטע טרויבן, דאָס הייסט שלעכטע מעשים, וואָלט דאָך רעכט געווען ער זאָל אים תיכף מיט צאָרן אויסרוימען פון דער וועלט, און גאָט ברוך הוא טוט נישט אַזוי, נאָר ער וואַרט ער זאָל תשובה טאָן און שפייזט און איז מחיה דעם וואָס דערצערנט אים און היט אים פון אַלעם בייז, טאָמער וועט ער תשובה טאָן, ווייל ביי אים איז דאָך אין דער האַנט תשובה צו טאָן און פאַרריכטן זיינע וועגן. דאַרף דער מענטש טראַכטן און ער זאָל זאָגן צו זיין האַרץ, אַ מענטש וואָס האָט אַזאַ גאָט זאָל עובר זיין אויף זיינע רייד, מבטל צו זיין זיין רצון, און סוף-סוף, אַז איך וועל קיין תשובה נישט טאָן וועט ער מיך משפט'ן מדה כנגד מדה.

**וכן,** אויך דער וואָס האַלט אַ קנעכט און ער ווערט קראַנק, טרייבט ער אים אַוועק, ווייל ער זאָגט, נישט גענוג ער העלפט מיר נישט, מוז איך אים נאָך באַדינען, און גאָט ברוך הוא האָט באַשאַפן דעם מענטש אַז ער זאָל אים דינען, ער זאָל מקיים זיין זיינע מצוות, כדי צו באַקומען

שכר, און דער מענטש איז געזונט און דערצערנט נאָך גאָט ברוך הוא טאָג און נאַכט, און פונדעסטוועגן נעמט ער אים נישט תיכף אַוועק פון דער וועלט, נאָר כביכול, ער באַדינט אים נאָך און גיט אַכטונג אויף אים, אים צו מאַכן לעבן, אים צו שפייזן און אים צו באַשיצן פון אַלע בייזע זאַכן.

**מי,** ווער איז דער וואָס ווייסט דאָס און גייט נישט מלחמה האַלטן קעגן זיין יצר הרע, און צו באַהעפטן זיך אין זיין באַשעפער מיט ליבשאַפט, ווייל ער האָט דערקענט דעם באַשעפער פאַר אַ ליבהאָבער, פאַר אַ באַגיטיגער און פאַר אַ דערבאַרעמדיגער וואָס טוהט האָפן צו זינדיגע אַז זיי זאָלן תשובה טוהן און זאָלן זוכה זיין צו פיל גוטס און זאָלן זיך קויפן אַ גוט אָרט אין גן עדן.

**כדי אַוועקצושיקן דעם יצר הרע פון זיך, זאָל ער רעדן מיט זיינע גלידער, און ער זאָל מוכיח זיין זיינע אָדערן, און משפט'ן זיינע ביינער, און אַזוי זאָל ער זאָגן, און ווי עס שטייט ווייטער**

**ב. כדי,** און כדי אָפּצוטאָן דעם יצר הרע פון זיך זאָל דער מענטש זיך אַליין שטראָפן און משפטן, ער זאָל זאָגן, אויף מיין געלעגער ביינאַכט האָבן מיך דערשראָקן מיינע געדאַנקען און אַ ציטערניש האָט מיך אָנגעכאַפּט אַז איך האָב מיך באַקלערט אין מיין שכל די משפטים פון מיינע מעשים. אַ קלאָג איז צו מיר אַז איך זע ווי נאָך מיין טויט וועט מיין גוף פאַרלענדט ווערן.

**ודברתי,** און איך האָב גערעדט צו מיין קאָפּ און האָב געזאָגט: מיין קאָפּ, ווייסטו דען נישט די משפטים פון גאָט וואָס זענען אָנגעגרייט אויף דיר, אַז מען וועט דיך אַריינלייגן אין קבר און דיין הויט וועט צופאַלן ווערן און דיין פלייש וועט פאַרפוילט ווערן, און אַז דו ווייסט דאָס, ווי טוסטו אויפהייבן דעם קאָפּ ביי דיין לעבן, בייג איין דיין קאָפּ.

**עיני**, מיינע אויגן וואָס לייכטן, האָט איר דען נישט פאַרשטאַנען אַז נאָך דעם טויט וועט אייער ליכטיגקייט פינצטער ווערן, און אַז איר ווייסט דאָס, ווי טוהט איר הייבן אייער בליק צו זען די תענוגי עולם הזה.

**חוטמי**, מיין נאָז, וואָס פאַר אַ הילף איז דאָס וואָס דו שמעקסט דעם ריח פון בשמים און רויזן, אַז נאָך דעם טויט וועלן דיינע צוויי נאָזלעכער זיין ווי רינעס פון אַלערליי מיאוסע זאַכן, דען דער מוח וועט צוגיין און פון דאָרט אַרויסגיין, און ווייל דיין סוף איז דערצו, וואָס נוצט דיר דאָס געשמאַק פון תענוגי עולם הזה.

**אזני**, מיינע אויערן וואָס אין מיין קאָפּ, אין קבר וועט איר שוין נישט הערן און די ווערעם וועלן קריכן אין אייערע לעכער, און צום סוף וועלן זיי דערפילט ווערן מיט ערד, און ווי אַזוי קען אייך ביים לעבן זיס זיין דער קול פון געזאַנג און שפּילן.

**פי**, מיין מויל וואָס רימט זיך און רעדט גיך, פאַרוואָס זאָלסטו נישט דענקען אַז נאָכן טויט וועסטו ווערן שטום, דיין צונג וועט זיין פאַרשפּרייט און דיין מויל וועט זיין אָפן און דיינע ציין וועלן פאַרשלאָסן ווערן, און נאָך וואָס טויג דעם מענטש ביי זיין לעבן זיס צו מאַכן זיינע רייד, אַז נאָכן טויט וועט דאָס מויל שווייגן אין צרות, און מיט די ווערים וועט ער האַלטן זיין סוד.

**חלקת**, דאָס גלאַטקייט פון מיין האַלז, דאָס שיינקייט פון מיין גוף, איך זע דיך אין קבר ווי אַ צובראָכענער טורעם.

**פנים**, מיין ליכטיג און רויט פנים, נאָך דעם טויט ווערט עס איינגעשרומפּן און שוואַרץ ווי אַ טאָפּ. די הויכע אָרעם און מיינע זיסע פינגער וואָס זענען געצירדט מיט פינגערלעך פון גוטע שטיינער, נאָך דעם טויט זענען זיי צופאַלן און צובראָכן ווי צובראָכענע שפּענדלעך אויף דער גאַס.

**כריסי,** מיין בויך, וואָס ווערט אָנגעפילט מיט עסן און טרינקען און מיט וואָס די אויגן האָבן געזען, איך וועל דיר דערציילן וואָס וועט דיך דערגרייכן נאָך דיין טויט, דער בויך וועט צושפּאָלטן ווערן און ווערים וועלן דאָרט קריכן, און פאַרוואָס זאָלסטו מערן אָפּפאַל אין דיר, מיט וואָס ווערסטו זיך דעמאָלט אָפּוואַשן.

**רגלי,** מיינע פיס, וואָס איר לויפט גיך ביי דעם לעבן און אין קבר זענט איר ווי דאַר האָלץ און אין אייערע לעכער טוען זיך נעסטן די מייז.

**אבל,** אָבער דו, מענטש, אויב דו וועסט באַצירן דיין קאָפּ מיט תפילין, און דיינע אויגן וועלן אַריינקוקן אין דער תורה, און דיין נאָז וועט שמעקן דעם ריח פון מצוות, און דיין פּנים וועט לייכטן אין דער תורה, און דיין מויל וועט רעדן אמת, און דיין צונג וועט לויבן גאָט, און דיינע ציין וועלן נישט עסן קיין גזל, און דיין ברוסט וועט זיין באַדעקט מיט ציצית, און אין דיין בויך האָסטו אַריינגעלייגט נאָר אַזעלכע עסן און טרינקען וואָס זענען מותר און פון אכילת מצוה, און דיינע פיס וועלן לויפן צום גוטן. דעמאָלט זענען געהייליגט געוואָרן אַלע דיינע איברים, און דער בנין פון דיין גוף איז געוואָרן גלייך ווי דער משכן, די שכינה זאָל רוען אין אים, ווייל אַלע כלים פון דעם בית המקדש זענען מרומז אין דעם גוף, אַזוי ווי עס שטייט אין די הייליגע ספרים.

**ובזה,** און דורך דעם, אַז מען וועט דיך אַריינלייגן אין קבר, וועט דאָס זיין גלייך ווי דער ארון הקודש איז באַהאַלטן געוואָרן, און קיין ווערים וועלן אין אים נישט געוועלטיגן, און דו וועסט גלייך זיין ווי אַ לעבעדיגער, און דיין גוף וועט זיין גאַנץ ביז די צייט פון תחיית המתים, און דיין נשמה וועט זיין העכער פון אַלע מלאכים.

**וכיון,** און ווייל עס איז ביי דיר אין האַנט צו דערגרייכן אַזעלכע מעלות, פאַרוואָס זאָלסטו הערן צו דעם קול פון דיין יצר הרע

וואָס רייצט דיך אָן צו טאָן שלעכטס, ווייל ווען עס וועט קומען אויף דיר אַ צרה ח״ו, וועט ער דיך פאַרלאָזן אין די הענט פון די אכזריות׳דיגע מלאכים, וואָס זיי האָבן נישט קיין דערבאַרעמדיגקייט, און דו וועסט זען אין דעם שלעכטס וואָס וועט גרייכן צו דיין גוף און דו וועסט נישט קענען מציל זיין, וויאַזוי וועסטו צוזען, ווען דיין קאָפּ איז איינגעבויגן, דיינע אויגן בלינד, דיינע אויערן טויב, דיין נאָז פאַרשטאָפּט, דיין מויל שטים, דיין צונג פאַרשטומט, דיינע ציין צובראָכן, דיינע פיס הינקעדיג, דעמאָלט וועסטו שרייען אוי, און קיינער וועט דיר נישט ענטפערן. דו וועסט בעטן הילף און קיינער וועט דיך נישט מציל זיין, און וואוהין וועסטו דיך קערן, און וואו וועסטו זען אַ ליבהאָבער אָדער אַ קרוב וואָס זאָל זיך דערבאַרעמען איבער דיר, אין אַלע ערטער וואָס דו וועסט זען וועסטו זען אַ ציטערניש און נייע פאָרכט און מלאכי חבלה ווי דאָס געשטאַלט פון חיות און שרצים, אַז דו וועסט זיי זען וועט אויף דיר פאַלן אַ גרויס פאָרכט, ווי אין דער צייט וואָס דו ביסט דערשראָקן געוואָרן, ווען דיין נשמה איז אַרויסגעגאַנגען פון דיין גוף.

**הטוב,** איז דיר דען גוט, אַז דו זאָלסט באַרויבן דיינע איברים צוליב דעם תענוג פון יצר הרע, צו פאַרבייטן אַ תענוג פון איין רגע אויף פיל יסורים אָן אַ צאָל, און אַז דו האָסט אויף דיר אַליין קיין רחמנות נישט, ווי וועסטו וועלן די מחבלים זאָלן אויף דיר רחמנות האָבן, וואָס זיי זענען מלאכי חבלה. דעמאָלט וועסטו זאָגן, וויי איז צו דעם רשע, עס וואָלט פאַר אים בעסער געווען ער זאָל גאָרנישט געוועזן זיין אויף דער וועלט, אָדער ער זאָל ווידער קערן צונישט אַזוי ווי אַ בהמה און זאָל נישט שטיין צום דין פאַר זיינע מעשים, אַזוי וועסטו שרייען ביי איטלעכע מכה וואָס וועט אויף דיר קומען פון די מלאכי חבלה וואָס דו וועסט זיין אין זייער האַנט. אונטער דיר וועט ברענען אַ פייער און אויף דיר וועט ברענען פעך און הייסע קאַלעך, און שרעקליכע צורות, אַזוי ווי דאָס געשטאַלט פון שרצים און שדים, און

אפילו אויב דו וועסט נישט קוקן אויף קיין שום אָרט, פונדעסטוועגן וועלן די שרעקלעכע צורות שטיין פאַר דיינע אויגן, ווייל ביי דיין לעבן האָסטו דערצערנט דעם אויבערשטן, און קיין תשובה האָסטו נישט געטאָן.

**ואתה**, און דו, מענטש, ווייל דיינע זינד האָבן גורם געווען צו מאַכן הערשן דעם פיינט, דעם יצר הרע אין דיין גוף, און גאָר דיינע איברים זענען איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון דעם שונא, ביז מען מוז זיי וואַשן און שווענקן אין וואַסער פון יסורים, מוזסטו זייליידן ביז דו וועסט מיד ווערן פון דעם בייז וואָס וועט אויף דיר קומען.

**אוי**, ווייי איז צו די אויגן, וואָס וועלן מוזן צוזען די נקמות פון זיינע איברים. וויי איז צו דעם האַלדז, וואָס וועט ליידן דעם לאַסט פון די זינד. וויי איז צום מויל, וואָס וועט מוזן זאָגן זיינע זינד צו מקבל זיין דעם עונש. וויי איז צום פנים, וואָס וועט ליידן פאַרשעמונג. וויי איז צו די איבעריגע איברים, וואָס וועלן ליידן די יסורים.

**ואל**, און דער יצר הרע זאָל דיר נישט פאַרזיכערן, אַז דער מענטש וואָס איז באַשאַפן געוואָרן אין גאָט׳ס פאָרעם, קען אין אים נישט קומען פוילקייט און ווערים, און נישט קיין ווייטאָג פון יסורים. דען זאָלסט וויסן, אַז די זינד האָבן פאַרטריבן דעם צלם אלקים פון דיין פנים. זאָלסט וויסן, אַז ווען אַ בהמה אָדער אַ חיה איז טויט איז איר געשטאַלט נישט פאַרענדערט, ווייל פון איר איז מער נישט אָפּגעטאָן נאָר דער רוח חיוני, אָבער דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן אין גאָט׳ס פאָרעם, און אַז דער רשע שטאַרבט ווערט דער פאָרעם פון גאָט אָפּגעטאָן פון אים און זיין פנים ווערט פאַרענדערט. אָבער ביי די צדיקים איז נישט דאָ קיין חילוק ביי זיי, צווישן נאָך דעם טויט אָדער ביים לעבן, נאָר דאָס וואָס זיי קענען נישט רעדן, אָבער זייער פנים ווערט נישט פאַרענדערט, אדרבא, זייער פנים לייכט, און אַזוי ווי עס

שטייט ביי משה רבינו, זיינע אויגן זענען נישט טונקל געוואָרן און זיין ליחות האָט נישט אויסגעטריקנט, ווייל גאָט איז מיט זיי ביז אייביג.

**דער רשע שטאַרקט זיך מיט זיין שלעכטס ווען ער זעט אַז ער ווערט נישט באַשטראָפט פאַר זיינע זינד, און אדרבא, די תלמידי חכמים וואָס האָבן מורא פון דעם אויבערשטן, זענען אין אַן ענגע לאַגע, און נישט ער.**

**ג. ודע,** און זאָלסט וויסן, אַז דער רשע טוט שלעכטס און זעט אַז עס גרייכט אים נישט תיכף ווייטאָג פון דעם קאָפּ אָדער די אויגן און ער פילט נישט קיין בייז אין קיין שום אבר און קיין קדחת כאַפּט אים נישט אָן, דורך דעם שטאַרקט ער זיך אין זיין רשעות, און דאָס איז געגליכן צו איינעם וואָס עסט האָניג, וואָס אין אים איז געמישט סם המות. ער עסט עס טאַקע מחמת עס איז זיס, אָבער צום סוף טוט דער סם המות זיין אויפגאַבע און ער שטאַרבט פלוצלונג אָן האָפנונג. און דעריבער שטראָפט נישט גאָט תיכף דעם רשע אויף דער עבירה, ווייל דאַן וועט בטל ווערן די בחירה, דעם צדיק וועט נישט קומען קיין שכר און אויך נישט דעם בעל תשובה וואָס ער שיידט זיך פון דער עבירה, ווייל ער מוז זיך אָפּשיידן פון איר ווייל ער ווערט תיכף באַשטראָפט, האָט ער נישט קיין אַנדערע ברירה.

**ועוד,** און נאָך אַ טעם איז, וואָס השם יתברך שטראָפט נישט דעם רשע תיכף, ווייל ער וויל אים באַצאָלן אויף דער וועלט שכר פאַר אַ מצוה וואָס ער האָט געטאָן, און זאָל ער אינגאַנצן קיין עולם הבא נישט האָבן.

**ויש,** און עס זענען דאָ אַזעלכע רשעים וואָס טוען שלעכטס ווייל זיי זעען תלמידי חכמים און גאָטס-פאָרכטיגע זענען אין ענגשאַפט, אָבער אַדרבא דאָס איז נאָך אַ זאַך צו באַשולדיגן די רשעים אין יום הדין, דערפון וואָלטן זיי זיך געדאַרפט נעמען אַ מוסר און זאָגן אַז אויב צו די וואָס טוען גאָט׳ס ווילן איז אַזוי, איז שוין אַ כל שכן וואָס וועט

זיין צו די וואָס זענען עובר אויף זיין ווילן, און ווען ער שטראָפט מיך נישט היינט וועט ער מיך מאָרגן שטראָפן.

**ויאמר,** און דער רשע זאָל טראַכטן אין זיין האַרץ, ווי קען דאָס זיין אַז איך דערצערן מיין באַשעפער און ער איז גוט צו מיר, דאָס איז מער נישט נאָר ער באַצאָלט מיר פאַר עפעס אַ זכות וואָס איך האָב כדי ער זאָל מיר קיין עולם הבא נישט געבן, און אויב ער וועט אַזוי טראַכטן וועט ער ווידער קערן פון זיין שלעכטן וועג, ווייל ער וועט זען אַז זיין סוף וועט זיין ביטער.

## דער טויער פאַר דעם רשע, וואָס זאָל אים ברענגען צו תשובה

**ד. והפתח,** און דער אָנפאַנג ווי אַזוי ער זאָל תשובה טאָן, דאָס איז, ער זאָל זיך געוואוינען צו זיך דערבאַרעמען איבער מענטשן, און בפרט אויף אָרימע לייט, ווייל דאָס רחמנות וועט אים ברענגען מרחם צו זיין אויף זיך, ווייל ער וועט זיך טראַכטן ווען איך דערבאַרעם זיך איבער אַנדערע ווי זאָל איך מיך אויף זיך אַליין נישט דערבאַרעמען, און ער זאָל זיך נישט איבלען פון די רייד פונעם אָרימאַן ווען ער בעט פון אים רחמנות. ער זאָל טראַכטן, ווען איך ווער אַזוי פאַראומערט פון איין שעה וואָס ער זאָגט מיר זיין צער, איז שוין אַ כל שכן דער אָרימאַן זעלבסט וואָס ער איז תמיד אין ענגשאַפט. אויך זאָל ער שטענדיג טראַכטן וועגן די חסדים וואָס השם יתברך האָט מיט אים געטאָן ביז אַהער, און יעצט אויך, ווייל אַז ער וועט באַטראַכטן וואָס ער האָט אים באַשאַפן און האָט אים געהיט אין זיין מוטער׳ס בויך, וואָס פאַר איין לויב און דאַנק וועט אים גענוג זיין צו דאַנקען דערפאַר. אויך אַז ער וועט געדענקן וואָס ער האָט אים אַרויסגעצויגן פון פינצטערקייט צו ליכטיגקייט, וואָס פאַר אַ לויב וועט גענוג זיין צו לויבן אים. און אַז ער וועט זיך איבערקלערן אַז יעדן טאָג שפּייזט ער אים און איז אים מפרנס, וועט ער דען האָבן גענוג צייט אים צו לויבן,

און וואָס ער איז אים שטענדיג מציל פון שלעכטע פגעים און דאָס לעבן וואָס ער גיט אים און די וואונדער וואָס ער טוט מיט אים יעדן טאָג מיט וואָס פאַר אַ גרויסקייט קען ער אים גרויסן און דערהייבן, מכל שכן אַז אַפילו אין דער צייט וואָס ער דערצערנט אים פונדעסטוועגן היט ער אים פון אַלערליי בייז און קערט אים אום זיין נשמה יעדן אינדערפרי, כאָטש השם יתברך ווייסט אַז ער וועט אים ווידער דערצערענען אַזוי ווי פריער. נו, איז דען דאָ אַ בעסערער גאָט?

## אַ התעוררות צו תשובה, אַז אויב ער וועט נישט תשובה טוהן, אויף וועמען וועט ער זיך פאַרלאָזן ווען ער גייט אַוועק פון דער וועלט

**ה. כל זה,** דאָס אַלץ זאָל דער מענטש שטעלן קעגן זיינע אויגן און זאָל זיך פאַרמיידן פון זינדיגן, און אויב ער האָט געזינדיגט זאָל ער חרטה האָבן און תשובה טאָן. אָבער אַז ער וועט נישט תשובה טאָן, אויף וועמען וועט ער זיך פאַרזיכערן ווען ער וועט אַוועקגיין פון דער וועלט, מלחמה צו האַלטן מיט די חיצונים וואָס ער האָט באַשאַפן דורך זיינע זינד.

**מי,** ווער איז דער וואָס גייט אַרויס מלחמה האַלטן און פירט זיינע שונאים צו הילף, ווער איז דער וואָס דערבאַרימט זיך נישט אויף זיינע קינדער און שעכט זיי מיט זיינע הענט. ווער איז דער וואָס זוכט תענוגים און רו צו זיין נשמה און פאַרברענט זיי מיט דעם פייער פון זיינע זינד. ווער איז דער וואָס וויל לאַנג לעבן, און ער ווערגט זיך אַליין. ווער איז דער וואָס וויל רוען זיכערלעך און רייצט מלחמות אויף זיך זעלבסט. ווער איז דער וואָס וויל לעבן אויף בעט-געוואַנט און לייגט זיך צווישן שלאַנגען. ווער איז דער וואָס האָט ליב זיס עסן, שפייז, און עסט סם המות. ווער איז דער וואָס האָט ליב זיסן שלאָף און לייגט זיך צווישן דערנער. ווער איז דער וואָס וויל לעבן און גייט אין די

וועגן פון טויט. ווער איז דער וואָס וויל זיצן אין גן עדן און מאַכט זיך אַ וועג צו גיין אין גיהנם.

**ער רעכנט אויס אַ סאַך זאַכן וואָס אַ מענטש וויל, אָדער גלוסט, צו דערפילן די תאוות פון זיין יצר הרע, און ער זאָל טוהן פאַרקערט, אַזוי ווי עס איז דער ווילן פון דעם אויבערשטן**

**ו. שהרי,** דען דער מענטש וואָס פאַרלאָזט די דינסט פון גאָט, גייט אַרויס פון דער וועלט צו מלחמה האַלטן מיט זיינע מקטריגים מיט דער הילף פון זיינע פיינט וואָס גייען אַרויס מיט אים, דאָס זענען די עבירות וואָס ער האָט געטאָן, און ער דערבאַרעמט זיך נישט אויף זיך אַליין און שעכט זיינע קינדער מיט זיינע הענט, זיי שטאַרבן דורך זיינע זינד און ער פאַרברענט זיך אין דעם פייער פון דעם גיהנם, און ווערט דאָרט געמשפט מיט קעלט און היץ, פייער און שניי. ער ווערגט זיך מיט זיינע הענט דורך דער שווערד פון מלאך המות און גרייט אָן יסורים פון גיהנם אויף זיך אַליין און זיצט צווישן די שלאַנגען אין קבר און איז זיך גורם יסורים פון גיהנם.

**אשר,** דעריבער, דער וואָס וויל מנצח זיין זיינע שונאים, דאָס זענען די מקטריגים, זאָל ער אַרויסגיין געוואָפנט אין תורה און מצוות. דער וואָס וויל זיך מרחם זיין אויף זיך אַליין, דער זאָל זיין אַן אכזר אויף זיך אין דינסט פון זיין באַשעפער. דער וואָס וויל זיך דערבאַרעמען איבער זיינע קינדער, זאָל אויף זיי לייגן דעם יאָך פון יראת שמים און תורה לערנען. דער וואָס וויל תענוגים און רו, דער זאָל אַנטלויפן פון זיי. דער וואָס וויל לאַנגע טעג, זאָל ער זיי קורץ האַלטן אין זיינע אויגן, ער זאָל טראַכטן, היינט בין איך דאָ און מאָרגן אין קבר. דער וואָס וויל זיצן זיכער, דער זאָל באַמיען זיינע פיס פון איין שטאָט אין דער אַנדערער צו לערנען תורה. דער וואָס וויל ליגן אָן פאָרכט דער זאָל מקיים זיין אין זיך **"אשרי אדם מפחד תמיד"**,

וואויל איז דעם מענטש וואָס פאַרכט זיך פון אַן עבירה. דער וואָס וויל געשמאַקע עסן, זאָל ער עסן ברויט מיט זאַלץ. דער וואָס וויל זיסע משקאות, דער זאָל טרינקען וואַסער. דער וואָס וויל אַ זיסן שלאָף זאָל ער זיין וואַכעדיג ביינאַכט צו לערנען תורה. דער וואָס וויל לעבן דער זאָל זיך טויטן וועגן דער תורה. כלומר, ער זאָל זיך פיל סיגופים אָנטאָן. דער וואָס גלוסט צו זיין אין גן עדן, זאָל ער זיך פאַרמיידן פון צו שפּאַצירן אין גערטנער. דער וואָס וויל זיין געערליכט אין הימל, זאָל ער זיך מבזה זיין פאַר דער תורה. דער וואָס וויל זיין געליבט ביי השם יתברך, זאָל ער פיינט האָבן אַלע וואָס טוען שלעכטס. דער וואָס וויל זיך קויפן אַ גוטן נאָמען, זאָל ער זען, אַז זיין נאָמען זאָל נישט דערמאַנט ווערן צווישן די וואָס דערצערענען גאָט. דער וואָס וויל זען וואָס עס איז דאָ אונטער דעם הימל פון באַשעפענישן און פאַרשידענע זאַכן, זאָל ער זיצן מיט תלמידי חכמים און זיי וועלן מיט זייער חכמה אים מודיע זיין. דער וואָס וויל הערשן איבער זיך זעלבסט, זאָל ער אַנטלויפן פון די הערשאַפט. דער וואָס וויל כבוד, זאָל אַנטלויפן דערפון. דער וואָס וויל עשירות, זאָל פאַרטיילן זיין געלט צו אָרימעלייט. דער וואָס וויל שטאַרקייט, זאָל שוואַך מאַכן זיין כח אין תורה. דער וואָס וויל האָבן חכמה, זאָל זיך לערנען פון אַלע מענטשן. דער וואָס וויל דערציען לעבעדיגע קינדער, זאָל זיך היטן פון בעילות אסורות. דער וואָס האָט פיל תאווה צו וויין, זאָל זיך אָפּשיידן פון טרינקען וויין. דער וואָס האָט צופיל לוסט צו מאכלים און משקאות, זאָל זיך געוואוינען צו פאַסטן.

**הרוצה,** דער וואָס האָט צופיל לוסט, זאָל זיך זיין נוהג פרישות. דער וואָס וויל שיינקייט, זאָל שוואַרץ מאַכן זיין פנים דורך יגיעת התורה. דער וואָס וויל האָבן חן, זאָל זיך אָנקליידן אין געמיינע קליידער. דער וואָס האָט לוסט צו טייערע קליידער, זאָל אָנקליידן אַ זאַק אויף זיינע לענדן, צו קלאָגן אויף זיינע עבירות. דער וואָס גלוסט נאָך געזאַנג, זאָל קלאָגן אויף זיין סוף, וואָס ער וועט זיך אומקערן צו

ערד און ווערים. דער וואָס גלוסט צו פרייד, זאָל שטענדיג וויינען, דערויף וואָס ער האָט דערצערנט זיין באַשעפער.

❀ ❀ ❀

בעזרת השם יתברך

**הפרשה הזאת**

**נדבת**

הרה"ח מוהר"ר

**דוד בן רות** דיין נ"י

❁

לעילוי נשמת זקינו הרה"ח

מוהר"ר **דוד בן שלמה ורחל** ע"ה

**ת. נ. צ. ב. ה.**

❁